סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת עֵקֶב

תשפ"ג

310

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן אִיךְ לוֹיף צוּ מָאוִויס, וָואס טוּט מֶען?.........א

זָאל מֶען גֶעבְּן נָאךְ אַ שַׁאנְס פַאר אַ בָּחוּר אַ מְנֻוָּל?.................................ג

מוּז מֶען דַוְקָא מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין נָאר פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ? .......................ו

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן אַסַאךְ ווִידִיאָס?...........ז

ווִי קֶען מֶען זָאגְן אַז וֶוער עֶס קְרִיגְט אוֹיף
מוֹהֲרָ"א"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה?.................................ט

פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א
פוּן זָאגְן לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת?........................................... טז

ווִי אַזוֹי טוֹישְׁט זִיךְ דָאס לֶעבְּן דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?............יז

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב? ..................... יט


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מַאךְ נִישְׁט קַיין מְצִיאוּת פוּן קֵיינֶעם, וֶועט דִיר זַיין
גְרִינְגֶער צוּ בֶּעטְן צְדָקָה.................................................א

זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ פַאר דִי חֲדָרִים אִין יְרוּשָׁלַיִם, טְבֶרְיָה אוּן אִין בְּנֵי בְּרַק ...ב

בִּיסְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט ווִי דוּ מֵיינְסְט.........................................ב

גֶעבּ דַיין שְׁוֶוער סַנְדְקָאוּת, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת ..........ג

הֲלָכוֹת אוּן מִנְהָגִים פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב........................................ג

אַ שָׁאד זִיךְ צוּ גֶעטְ'ן, דִי וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ בֶּעסֶערֶע מַאן ..............ד

דִי מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען אִין כִּתָּה צֵייטְלִיךְ, הָאבְּן הַצְלָחָה
מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.......................................................ה

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער צוּ הָאבְּן גְרוֹיס גֶעלְט.....................ו

מִיר דַארְפְן וִויכְטִיג אַ נֵייעֶם גְרוֹיסְן בִּנְיָן פַאר דִי מוֹסָד.......................ו

מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד אוֹיב מֶען אִיז אֲפִילוּ
נָאר אֵיין מִינוּט שְׁפֶּעט.......................................................ז

יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס
בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן.......................................ח

אַז מֶען זוּכְט זִיךְ אַלֵיין גְלִיקְן, קֶען זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן זֵייעֶר בִּיטֶער..............ט

אַ סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.....................................י

נֶעם נִישְׁט צוּם הַארְצְן וֶוען אַ טַאטֶע הַאלְט דִיךְ
פָאר אוֹיף עֶפֶּעס פוּן חֵדֶר....................................................י

זִיךְ טְרֵייסְטְן נָאךְ דִי שְׁוֶועְרֶע פַּארְלוּסְט פוּן דִי
טֵייעֶרֶע בַּאלִיבְּטֶע מַאמֶע.................................................יא

שְׁוַוייג אָפּ דַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת, עֶנְטְפֶער נִישְׁט
קֵיינֶעם און זִיכֶער פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.....................................יג

לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען זִיךְ גְרֵייטְן פְרִיעֶר..................................יג

מְחַזֵּק זַיין דִי יוּנְגֶע ווַייבְּלֶעךְ ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ...............יד

מֶעג מֶען אִים גֶעבְּן צוּקֶער וֶוען דֶער דָאקְטֶער לָאזְט נִישְׁט?.................טו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן אִיךְ לוֹיף צוּ מָאוִויס, וָואס טוּט מֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַן עֶרְלִיכֶע שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע שְׁטוּב.

אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס; מַיין טַאטֶע מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם פַּאר יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, מַיין מַאמֶע זָאגְט שׁוֹין אַפָּאר מָאל אַז זִי וִויל זִיךְ גֶטְ'ן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, לוֹיף אִיךְ צוּ מַיין אֵייפַּאד אוּן אִיךְ קוּק מָאוִויס; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעוִויזְן מָאוִויס וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועןְ קְלֵיין אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן צוּגֶעבִּינְדְן דֶערְצוּ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וַוייל אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ גֵיהִנּוֹם; מַיין טַאטֶע שְׁרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג אַז מַיין מַאמֶע דַארְף הִילְף אוּן אַז זִי אִיז קְרַאנְק. מַיין מַאמֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן אִיר הָאר, אוּן זִי גֵייט מִיט הוֹיזְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זִי אִיז אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיף אִיר טֶעלֶעפָאן אוּן טוּט גָארְנִישְׁט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קוּקְט נִישְׁט קַיין מָאוִויס, קוּקְן מָאוִויס בְּרֶענְט אוֹיס דִי מֹחַ, עֶס מַאכְט

שָׁאדְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, מָאוִויס אִיז מְטַמֵּא דֶעם מֹחַ אוּן הַארְץ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב; תַּנְחוּמָא שְׁלַח, טו): "עֵינָא וְלִבָּא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַעֲבֵירָה", דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ זֶענֶען דִי מֶעקְלֶער (סֶעילְסְלַייט) פַּאר עֲבֵירוֹת, "עַיִן רוֹאֶה", עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, "וְהַלֵּב חוֹמֵד", נָאכְדֶעם גְלוּסְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, "וּכְלֵי הַמַּעֲשֶׂה גוֹמְרִים", בִּיז מֶען פַּאלְט אַרָאפּ, מֶען זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

קוּקְט נִישְׁט קַיין מָאוִויס, עֶנְדֶערְשׁ שְׁפִּילְט גֶעיְמְס וִוי קוּקְן מָאוִויס; קוּקְן מָאוִויס אִיז סַם הַמָּוֶת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה", טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; קוּקְן מָאוִויס בְּרֶענְגְט צוּ טוּמְאָה אוּן זֻהֲמָה. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (סוֹטָה ח.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרָע כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ אוּן הַרְגְ'עֶט אִים - דוּרְךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן.

אַז עֶס אִיז אַייךְ גָאר בִּיטֶער, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ; אַייעֶר מַאמֶע וְכוּ' וְכוּ', אוּן אִיר זוּכְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן - אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; גֵייט אִין אַ וִוינְקֶל אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵיילְט אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַייךְ אִין שְׁטוּב, וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְט אִים: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת".**

הֶערְט פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, טַאנְצְט אוּן זִינְגְט; וַוייל שִׂמְחָה אִיז אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אוּן קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין אַ זִיגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מֶען גֶעבְּן נָאךְ אַ שַׁאנְס פַאר אַ בָּחוּר אַ מְנֻוָל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּזְכֻיּוֹת חִנָּם צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִין דִי שִׁיעוּרִים וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ מַגִּיד שִׁיעוּר אִין אַ יְשִׁיבָה, פְּרוּבִּיר אִיךְ טַאקֶע צוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן דֶעם, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אָנְהוֹיבּ דֶעם יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי בָּחוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף וֶועגְן קְדוּשָּׁה. נָאכְן שִׁיעוּר זֶענֶען צְוֵויי בָּחוּרִים צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה וָואס סְטְרַאשֶׁעט אוּן צְווִינְגְט יוּנְגֶערֶע אוּן שְׁוַואכֶערֶע בָּחוּרִים צוּ טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר רֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן, הָאבּ מִיר מֶער בַּאמֶערְקְט דִי זַאךְ, אוּן מִיר הָאבְּן אִים גֶעכַאפְּט מַמָּשׁ פַארְן אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ בָּחוּר אִין זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר זֵיי פַארְן קוּמֶען דֶערְצֵיילְן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיט דֶעם בָּחוּר וָואס וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אִיז עֶר שִׁיעוּר נִישְׁט אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן עֶר הָאט מִיר טַאקֶע דֶערְצֵיילְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ מְנֻוָל, אוּן שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט וָואס עֶר לוֹיפְט אִים נָאךְ אוּן סְטְרַאשֶׁעט אִים אַז עֶר מוּז קוּמֶען מִיט אִים אִין בֵּית הַכִּסֵא, אוּן אוֹיב נִישְׁט וֶועט עֶר אִים שֶׁעדִיגְן, עֶר וֶועט אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וַוייטֶער פַארְן מַשְׁגִּיחַ אוּן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה, זֵיי הָאבְּן דָאס וַוייטֶער נָאכְגֶעפָארְשְׁט, אוּן הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אִים אַרוֹיסְצוּוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה.

לְמַעֲשֶׂה בֶּעטְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דִי יְשִׁיבָה זָאל מַסְכִּים זַיין צוּרִיק אַרַיינְצוּנֶעמֶען דֶעם בָּחוּר פַאר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר אִין יְשִׁיבָה. דִי שְׁטַאבּ פוּן דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיךְ הַאלְט דֶערְוֶועגְן, זֵיי זֶענֶען אוּנְטֶער שְׁטַארְקֶע דְרוּק פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִים יָא צוּרִיקְצוּנֶעמֶען, זֵיי וֵוייסְן אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן נָאךְ אַ שַׁאנְס, אָדֶער מֶען זָאל אִים אַוֶועקְוַוארְפְן מִיט בֵּיידֶע הֶענְט?

דֶער בָּחוּר אִיז בְּעֶרֶךְ זִיבֶּעצְן יָאר אַלְט, עֶר דְרֵייט זִיךְ אָבֶּער אַלְץ אוּן חַבֶר'ט זִיךְ נָאר מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ וָואס זֶענֶען פִיל יוּנְגֶער פוּן אִים.

אִיךְ וָועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֵאשִׁית דָּבָר, אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה מִיט בָּחוּרִים אוּן דוּ פְלַאנְצְט אִין זֵיי אַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ רֶעדְסְט צוּ זֵיי פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית; פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אָנְרִירְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, נִישְׁט צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט נֵייעֶ מָאדֶערְנֶע שִׁיטוֹת צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת, הַשְׁקָפוֹת וָואס קוּמְט פוּן נִישְׁט גוּטֶע מְקוֹרוֹת; מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, מִיט דִי נַארִישֶׁע סְבָרָה אַז ׳דָאס מַאכְט שָׁאדְן׳. מִיר גֵייעֶן נָאךְ דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט גֶעהַאלְטְן, מֶען זָאל יָא רֶעדְן.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַן אֲסִיפַת מְלַמְּדִים מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס גֶעוִוסֶע הָאבְּן גֶע׳טַעֲנָה׳ט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, מִיטְן טַעֲנָה ׳אַז מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער - וֶועלְן זֵיי וויסְן וְכוּ׳׳; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער גֶעקְלַאפְּט אִין טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט: ״מֶען דַארְף יָא רֶעדְן, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט - וֵוייסְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער בִּכְלַל פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (רַבָּא, פֶּרֶק יח), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ אַמָאל אָנְגֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים, בְּעֵרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים; נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט פוּן דֶעם מְלַמֵּד, וֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם מְלַמֵּד זִיךְ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן מִיט

אִים הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען פַארְוָואס דֶער מְלַמֵד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי תַּלְמִידִים - זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן; בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט: "אֵלִיָהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן..." הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵויין נִישְׁט אֵלִיָהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג"; הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער צוּרִיק גֶע'טַעֲנָה'ט פַאר דִי מְלַמְדִים: "דָא זֶעט מֶען דֶער חִיוּב וָואס מְלַמְדִים הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן".

לֶערְן אוֹיס דִי בָּחוּרִים, אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל זֵיי צוּרִירְן - זָאלְן זֵיי שְׁלָאגְן, לֶערְן זֵיי אוֹיס נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, שְׁרֶעק זֵיי אָן אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ לָאזְן פוּן אַ מְנִיוָּול - וֶועלְן זֵיי בַּיים סוֹף וֶוערְן מְנִיוָּולִים אוּן זֵיי וֶועלְן עֶנְדִיגְן זֵייעֶר לֶעבְּן אִין תְּפִיסָה.

בְּנוֹגֵעַ צוּרִיק נֶעמֶען דֶעם בָּחוּר, וֶוער גֶעוָואר אוֹיבּ דֶער בָּחוּר אִיז אַ קְרַאנְקֶער אָדֶער עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין אַ נִסָּיוֹן; אוֹיבּ אִיז עֶר אַ קְרַאנְקֶער - וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַמָאל, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַ בָּחוּר וָואס דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ נָאנְטֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי קְהִילָה בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, וֶועגְן אִים אַריינְנֶעמֶען אִין יְשִׁיבָה; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ וֶועסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם בָּחוּר בַּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה - וֶועסְטוּ פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט, דֶער בָּחוּר אִיז אַ קְרַאנְקֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מוּז מֶען דַוְקָא מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין נָאר פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן, אִיבֶּער פוּפְצְן יָאר, וָואס אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם יֶעדְן פְרַייטָאג נָאכְן דַאוָוענֶען, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ לֶערְן אִיךְ אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י. אִיךְ בִּין מַקְפִּיד צוּ עֶנְדִיגְן חוּמָשׁ רַשִׁ"י שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַאר'ן דַאוָוענֶען, אָבֶּער יֶעדְן פְרַייטָאג בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף. אִיךְ הֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, וְויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל טוּישְׁן מַיין מְהַלֵּךְ אוּן אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין צוּבִּיסְלֶעךְ פוּן זוּנְטָאג, אָדֶער זָאל אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט מַיין אַלְטֶע הַנְהָגָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַוַדַאי אוֹיבּ מֶען קֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשַּׁבָּת, פֶּרֶק ג), אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם דָאס צוּ טוּן יֶעדֶע וָואךְ - אִיז דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶּער דֶער מְצִיאוּת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז וֶוען מֶען וַוארְט בִּיז פְרַייטָאג - אִיז מֶען עַל פִּי רוֹב נִישְׁט מְקַיֵּים דִי מִצְוָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר", מֶען זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ "שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם", צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל דִי תַּרְגוּם, "שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר", וַוייל דֶער וָואס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה "מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", אִיז זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים.

דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרַ"ש אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה

זָאגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) אַז דֶער גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ אָן טוּן דִי מִצְוָה.

אַז דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְּרַייטָאג - זָאלְסְטוּ בְּנוֹסָף לָזֶה לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (עַיֵּין אִמְרֵי פִּנְחָס שַׁעַר הַתּוֹרָה, סִימָנִים לו-לח) אַז לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י אִיז מְסוּגָל צוּ אֱמוּנָה.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן צַדִּיקִים אוֹיף דֶעם לָשׁוֹן וָואס שְׁטֵייט אִין מְחַבֵּר (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ב): "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי תַּרְגּוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י; אַז דָאס אַלֵיינְס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ יְרֵא שָׁמַיִם.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ בְּשֵׁם דֶעם הֵייליגְן צַדִּיק רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט נָאךְ פוּן הֵייליגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכָל פוּן רַשִׁ"י".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן אַסַאךְ וִוידִיאָס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס הָאט מַיין וַוייב אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן אַסַאךְ ווידיאָס, נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, סְתַּם זַאכְן, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. מֶעג אִיךְ אִיר עֶפֶּעס זָאגְן וֶועגְן דֶעם? אִיךְ הָאבּ אִיר אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט אוּן עֶס הָאט אִיר נָאר אוֹיפְגֶערֶעגְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ וויסְן אַז אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען אַסַאךְ סַבְלָנוּת, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ דַארְף מֶען אַסַאךְ סַבְלָנוּת; מֶען קֶען נִישְׁט צְוִוינְגֶען דִי וַוייבּ: "טוּ אַזוֹי", "מַאךְ אַזוֹי" וְכוּ' וְכוּ'; אַז מֶען וויל עֶפֶּעס פּוֹעֵל'ן אִין שְׁטוּבּ - דַארְף דָאס קוּמֶען מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, זֵייעֶר שְׁטַייטְלִיךְ, זֵייעֶר אֵיידְל וְכוּ' וְכוּ'.

מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען נָאכְדֶעם, מִיט שֵׁיינֶעם - פּוֹעֵל'ן בַּיי דִי וַוייבּ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם", וֶוער עֶס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם - "דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין", וֶוערְן זַיינֶע רֵייד אָנְגֶענוּמֶען.

דוּ זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִיר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת אוּן בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; דוּ זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּפְרַט צוּ דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נָאר שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. זַיי אִיר מְכַבֵּד, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין; אַזוֹי וֶועסְטוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", מַאן אוּן וַוייבּ וָואס לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם - רוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צְווִישְׁן זֵיי, אוּן אַז דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְט - אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

זָאגְט, אַ ווייבּ דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין; רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן וֵוייךְ, אוּן גֶעדֶענְק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אִיתְּתָךְ גּוּצָא", דַיין ווייבּ אִיז קְלֵיין? "גְּחִין", בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר, "וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", אוּן רֶעד צוּ אִיר; דָאס מֵיינְט, אַז דִי ווייבּ אִיז בְּקַטְנוּת הַדַעַת - דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְבֵּייגְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן וֵוייךְ, אוּן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דוּ זָאלְסְט זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה אוּן בֶּעט פַאר דַיין ווייבּ זִי זָאל אוֹיךְ זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין; מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיי דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי קֶען מֶען זָאגְן אַז וֶוער עֶס קְרִיגְט אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִיךְ בִּין זִיךְ כְּסֵדֶר מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן מִיט דִי בְּרִיוו, עֶס גֵייט כִּמְעַט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט נֵייעֶ רִיזִיגֶע מַתָּנוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס שׁוֹין פוּן הֵיילִיגֶע רֶבִּי'ן פַאר בְּעֶרֶךְ צֶען יָאר, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ מִיט בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, אִיךְ מַאךְ שׁוֹין אֲפִילוּ כַּמָּה שָׁנִים הִתְבּוֹדְדוּת כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן ווייטֶער. מִיט דֶעם אַלֶעם, אַזֶעלְכֶע מַתָּנוֹת מִיט אַזֶעלְכֶע כֵּלִים, אַז עֶס זָאל זַיין קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאוֹד - הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט, בִּיז אִיךְ בִּין בְּדֶרֶךְ הַשְׁגָּחָה נִפְלָאָה אָנְגֶעקוּמֶען, אִיךְ מִיט מַיין ווייבּ - אוֹיסְצוּהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים. אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן יָמִים וְשָׁנִים אִין בְּרֶסְלֶב מִיט אַזַא הַעֲלָמָה אוּן נִישְׁט עֶפֶענֶען אַזֶעלְכֶע אוֹצְרוֹת, אוּן אִיךְ קֶען אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ קְרִיגְן אוֹיף אַזַא הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן אֱמוּנָה; אִיךְ

קֶען עֶס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין און אִיךְ פִּיל זִיךְ פַארְשֶׁעמְט אַז מֶען קֶען זַיין אַ שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹות און אֲפִילוּ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר - אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן אַ גְלַייכֶע און גַאנְצֶע אֱמוּנָה.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹסֶפְתָּא מִיט מִשְׁנַיוֹת און זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אִיךְ קֶען אִין גֶעווִיסֶע טֶעג אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים און נָאכְאַלְץ נִישְׁט זַיין זַאט, דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי שִׁיעוּרִים ווָאס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט בִּיז הַיינְט, אָבֶּער עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַסַאךְ טֶעג ווָאס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט נָאךְ אַסַאךְ שְׁטוּתִים צוּ טוּן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי עֶרְשְׁטֶע מַתָּנָה מֵיין אִיךְ ווָאס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה און מוֹהֲרָא"שׁ אִיז "צַייט", עֶס אִיז מִיר פַארְשְׁווּינְדְן גֶעוָוארְן אַלֶע צַייטוּנְגֶען און מַאגַאזִינֶען; אֵיי אִין בְּרֶסְלֶב רֶעדְט מֶען אוֹיךְ פוּן שְׁמִירַת הַזְּמַן? אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין זוֹכֶה מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין בְּמֶשֶׁךְ דִי ווָאךְ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אַבִּיסְל נ"ךְ עַל הַסֵּדֶר יֶעדְן טָאג, גְמָרָא דְרַיי בְּלַאט אַ טָאג, בְּעֶרֶךְ אַ דַף זוֹהַר, צְווֵיי דַפִּים לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, צְווֵיי דַפִּים לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת, שֻׁלְחָן עָרוּךְ צוּטֵיילְט אוֹיף דִי יָאר, און נָאךְ און נָאךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן נָאר מֶער און מֶער, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה. און זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין און גֶעדֶענְקֶען, און הָאבְּן אֱמוּנָה יְשָׁרָה וּתְמִימָה וְכוּ'.

אַזוֹי ווִי אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין דִי אַלְגֶעמֵיינֶע בְּרֶסְלֶב, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פִּילֶע קַשְׁיוֹת אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אָבֶּער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי שֵׂכֶל אַז אִיךְ דַארְף קוּקְן ווָאס עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר, וואוּ אִיךְ טְרֶעף חִיזּוּק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת און בִּלְבּוּלִים ווֶעלְן מִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

עֶס מוּטְשֶׁעט מִיךְ אָבֶּער אֵיין זַאךְ, דָאס ווָאס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז ווֶער עֶס רֶעדְט קֶעגְן אִים אִיז זִיכֶער אַ בַּעַל עֲבֵירָה, דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; אִיךְ ווֵייס אַז מֶען קֶען זַיין אַ שֵׁיינֶער אִיד פוּן אִינְדְרוֹיסְן און בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט זַיין אַ בַּעַל עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלַן, אָבֶּער צִי מֵיינְט דָאס אַז פוּן הַיינְט און ווַייטֶער דַארְף אִיךְ אָנְקוּקְן יֶעדְן עֶרְלִיכְן אִיד פַאר אַ בַּעַל עֲבֵירָה? אוֹיבּ זֶע אִיךְ אֵיינֶער ווָאס פְּרוּבִּירְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין הֲבָנָה, און עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין אַ סְבִיבָה ווָאס דָארְט מַאכְט מֶען אַוֶועק הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מֵיינְט דָאס צוּ זָאגְן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה? עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אִין בְּרֶסְלֶב ווָאס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען

לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, און דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אִין אַלֶע דוֹרוֹת, חֲזַ"ל זָאגְן אַז עֶס אִיז בְּרִית כְּרוּתָה אוֹיף לָשׁוֹן הָרָע צוּ נִתְקַבֵּל וֶוערְן?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר אוֹיסְקְלָארְן ווִי אַזוֹי אֶנְצוּקוּקְן דִי זַאךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא) וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵירוּבִין כא:): "הַלּוֹעֵג עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים", וֶוער עֶס שְׁפֶּעט אוֹיף צַדִּיקִים, "נִדּוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחַת", וֶועט בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן מִיט דִי סָארְט גֵיהִנּוֹם; זָאגְט דֶער רֶבִּי פְּשַׁט, "הַלּוֹעֵג עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים", וֶוער עֶס שְׁפֶּעט אוֹיף צַדִּיקִים - "נִדּוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחַת" אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין מֹחַ אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, און אַז מֶען קוּקְט אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זֶעט מֶען פוּן וֶועם מֶען רֶעדְט; מֶען רֶעדְט פוּן דוֹאֵג הָאֲדוֹמִי, פוּן דִי הוֹיפְּט פוּן דִי סַנְהֶדְרִין וָואס הָאט גֶע'דַרְשְׁ'נְט פַאלְשֶׁע הֲלָכוֹת, אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אָסוּר לָבוֹא בְּקָהָל; אוֹיף אִים זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַז זַיין מֹחַ אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דִי דַארְפְן נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן.

יֶעצְט וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, מֶען קוּקְט צוּרִיק, פְרֶעגְט זִיךְ ווִי פוּן זִיךְ אַלֵיינְס: 'וָואס הָאט מֶען גֶעוָואלְט פוּן דֶעם אִיד? פַארְוָואס הָאט מֶען גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים? וֶועם הָאט עֶר גֶעטְשֶׁעפֶּעט? וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי רְדִיפוֹת אוֹיף דֶעם אִיד?' עֶר הָאט דָאךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהַאט, עֶר הָאט נָאר גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס רֶעדְן צוּ נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, זֵיי מְחַזֵּק זַיין; מוּז זַיין אַז דִי וָואס שְׁפֶּעטְן

אוֹיף אִים זֶענֶען בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, און נִישְׁט נָאר מוֹהֲרָא"ש זָאגְט דָאס, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קסג): "הַנּוֹאֲפִים", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, - "לָרוֹב הֵם מִתְנַגְּדִים עַל הַצַּדִּיקִים", זֵיי זֶענֶען דִי וָואס קְרִיגְן אוֹיף צַדִּיקִים.

גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לח) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, ט): "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם", זֵיי לֵייגְן זֵייעֶר מוֹיל אִין הִימְל, "וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", און זֵייעֶר צִינְג גֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד, דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים - זֵיי ווִילְן רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן קֶעגְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, רֶעדְן זֵיי אוֹיף צַדִּיקִים. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם", דָאס וָואס זֵיי רֶעדְן מִיטְן מוֹיל - ווִילְן זֵיי רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - "לְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", רֶעדְן זֵיי אוֹיף צַדִּיקִים, אָבֶּער בֶּאֱמֶת "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם".

ווֵיי און בִּיטֶער אִיז פַאר דֶעם וָואס הֶערְט רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכא), דֶער שְׁוֶוער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, הָרַב הַגָּאוֹן הַמְּפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְּלֶעגְט פָאְרן צוּ צַדִּיקִים, קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דִי הַנְהָגָה פוּן דֶעם צַדִּיק, אָבֶּער עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פַארְוָואס דִי חֲסִידִים דָארְט רֶעדְן קֶעגְן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשְׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט. הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר ווִיל גֵיין צוּם צַדִּיק רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשְׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר ווִיל זֶען וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשְׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און צוּגֶעזֶען זַיין עֲבוֹדָה אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן זַיין הִתְנַהֲגוּת, אָבֶּער עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט צוּ הֶערְן פוּן זַיינֶע חֲסִידִים לֵיצָנוּת אוֹיף רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ

יָגֵן עָלֵינוּ; עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' און דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין צוּ צַדִּיקִים און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן אַלֶע צַדִּיקִים. עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג מַאכְן אַ סְעוּדָה מִיט זַיינֶע קִינְדֶער און זֵיי אָנְוָוארֶענֶען זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט צַדִּיקִים, און וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ מִיטְהַאלְטְן דִי סְעוּדוֹת און הֶערְן פֶּעךְ און שְׁוֶועבְּל אוֹיף צַדִּיקִים.

דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט פַאר רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס רֶעדְט מֶען אוֹיף צַדִּיקִים? וָואס אִיז דִי מַחֲלֹקֶת, וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס? און וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ה), דֶעמָאלְט אִיז אִים פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן דִי שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס הָאט אִים לַאנְגֶע יָארְן גֶעשְׁטֶערְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "וְתַאֲמִין, כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיִּגָּרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין", דוּ דַארְפְסְט גְלֵייבְּן אַז אַלֶע מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים אִיז נָאר וַוייל מֶען ווִיל דִיךְ פַארְטְרַייבְּן פוּן זֵיי, "כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה עַל שֶׁפָּגַמְתָּ בְּטִפֵּי מֹחֲךָ", וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז מִיר גְלַייךְ פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַארְוָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים און מֶען קְרִיגְט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, נָאר מִיךְ צוּ פַארְטְרַייבְּן, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי צוּ זַיין צְוִוישְׁן זֵיי".

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס זֶענֶען בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס עוֹבְדֵי הַשֵּׁם און אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען טַאקֶע עוֹבְדֵי הַשֵּׁם. אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעוואוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, ר' שְׁלֹמֹה רְאוּבֵן זְלַאטֶע'ס, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם און אַ שֵׁיינֶער בַּעַל תְּפִלָּה, און רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: "אִיךְ בִּין אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל", וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דִי מַחֲלֹקֶת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ הָאט מֶען שַׁיְיכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת - אִיז גָאר בִּיטֶער.

הָאב נִישְׁט קַיין מַגָּע וּמַשָּׂא מִיט מַחֲלֹקֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען יֶעדְן אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע, אוֹיסֶער אַ בַּעַל מַחֲלֹקֶת; אַ בַּעַל מַחֲלֹקֶת הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ בַּיים רֶבִּי'ן.

בְּרוּדֶער קוּק וָואס מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט דִיר, עֶפְן דַיין הַאנְט אוּן קוּק וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען פוּן וֶוען דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן דִי לֵצִים? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ הֶערְן לָשׁוֹן הָרָע? קוּק נִישְׁט וֶועלְכֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן רֶעדְן וְכוּ' אוּן וָואס זֵיי רֶעדְן וְכוּ', קוּק אִין דַיין הַאנְט, קוּק וֶוער בְּרֶענְגְט דִיר דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם, קוּק וֶוער בְּרֶענְגְט דִיר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חִיזּוּק אוֹיף תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַז גְרוֹיסֶע לַייט רֶעדְן אוּן שְׁפֶּעטְן - כְּבַר הָיָה לְעוֹלָמִים. דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע גִּלְגוּלִים, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייט פוּן מִדְבָּר, עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. הָאט אִים זַיין אֵיינִיקְל, דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - גֶעפְרֶעגְט: "זֵיידֶע, אוֹיף וֶועמֶענְס זַייט בִּיסְטוּ גֶעוֶוען בַּיי דִי מַחֲלֹקֶת קֹרַח וַעֲדָתוֹ?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער זַייט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין צַד", הָאט דֶער יֵיטֶב לֵב גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס דֶער נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען; קֹרַח הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַלֶע רֶבִּי'ס מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע אִידְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, וַוייל קֹרַח הָאט זִיךְ אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן אַפִּיקוֹרֶס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין, דַף נ.): 'קֹרַח מִין הָיָה'".

אִיךְ הָאבּ אַבִּיסֶל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, אָבֶער גְלֵייבּ מִיר אִיךְ דַארְף נָאךְ מֶער מַאֲרִיךְ זַיין; וַוייל וֶוען נִישְׁט דִי לֵצָנוּת וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה, אוּן וֶוער וֵוייסְט וִויפִיל צָרוֹת קוּמְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְן חוֹזֶק מַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן

אוֹיף צַדִּיקִים. דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט נָאךְ אֵיידֶער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי בִּיטֶערֶע אוּמְגְלִיק פוּן קָאנְטָאנִיסְטְן, קַאמֶענִיזְם, אַז וֶוען דִי צַדִּיקִים וָואלְטְן נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַוֶועק נֶעמֶען אִינְגַאנְצְן דִי גְזֵירָה (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שצח), נָאר וִויבַּאלְד מֶען קְרִיגְט אוֹיף אִים הָאט עֶר דָאס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוֹיף עֶטְלִיכֶע צְוָואנְצִיג יָאר.

דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס אִיז, הַיְינְט אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען וִויפִיל מִילְיָאנֶען אִידְן זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'עֶט גֶעוָוארְן פוּן דִי מַחְלֹקֶת אוֹיף צַדִּיקִים.

אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער וֵוייסְט וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען תשל"ו דִי חֲתִימוֹת וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז שְׁנַת תשל"ו וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען, אוּן יֶענֶעם יָאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּזַאמְגֶענוּמֶען חֲתִימוֹת אִין בְּרֶסְלֶב קֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן וֶוער וֵוייסְט צִי דָאס הָאט צוּרִיק גֶעהַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן צוּלִיבּ דִי חֲתִימוֹת לַיידְן מִיר נָאךְ אִין גָלוּת.

גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין זִיךְ אוֹיס, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס מַאכְט מִיךְ רֶעדְן צוּ דִיר, אַ צַדִּיק וָואס מַאכְט מִיךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַ צַדִּיק וָואס מַאכְט מִיךְ לֶעבְּן מִיט שְׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן בַּאקוּם אִיךְ פוּן דֶעם צַדִּיק אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט לֵיצָנוּת, מַיין קָאפּ בּוּזְשֶׁעוֶועט מִיט קַשְׁיוֹת אוּן טַעֲנוֹת אוֹיפְן צַדִּיק.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק מִיךְ אָן, אִיךְ בִּין אַזַא רַחְמָנוּת, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אוּן פְלוּצְלוּנְג וִויל אִיךְ פַּארְשְׁטֵיין דֶעם צַדִּיק, אִיךְ הַאלְט אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בֶּעסֶער ווִי אִים, אִיךְ וֵוייס ווִי אַזוֹי עֶר דַארְף וֶוען רֶעדְן אוּן ווִי אַזוֹי עֶר דַארְף וֶוען שְׁרַייבְּן; אָנָּא, רַחֵם עָלַי, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר; וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר? אִיךְ דַארְף דָאךְ אַזוֹיפִיל תְּשׁוּבָה טוּן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף דֶער צַדִּיק זָאל נִישְׁט זַיין פַּארְשֶׁעמְט, דֶער צַדִּיק ווִיל דָאךְ נָאר אֵיין זַאךְ, עֶר ווִיל אַלֶע אִידְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִיר, עֶר ווִיל אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, הֶעלְף עֶס זָאל

**גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן דִי נָאמֶען פוּן דִי צַדִיקִים אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין יִתְגַּדֵל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

**פַּארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פוּן זָאגְן לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַ סִיבָּה פַּארְוָואס עֶר רֶעדְט נִישְׁט פוּן זָאגְן לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת? אִיךְ הָאב גֶעזֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד פוּן זָאגְן גָאר אַסַאךְ תְּפִילּוֹת וּתְחִינוֹת וּבַקָשׁוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי תְּפִילּוֹת אַזוֹיפִיל בִּיז עֶר הָאט עֶס גֶעקֶענְט אוֹיף אוֹיסְנֶוויינִיג, דֶערִיבֶּער הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת מִיט נָאךְ תְּפִילּוֹת, אִיךְ הֶער אָבֶער נִישְׁט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אֲפִילוּ דֶערְמַאנֶען אַ וָוארְט פוּן דֶעם בַּיי שִׁיעוּרִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן הִתְחַזְקוּת, אִיךְ וֶוער פָּשׁוּט יֶעדְן טָאג אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ פוּנְדָאסְנַיי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, אִין זַיינֶע תְּפִילּוֹת לִיגְט אַ גְרוֹיסֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, עֶס קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, פוּן שַׁעַר נ׳. נָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן אִין גַן עֵדֶן פוּן זָאגְן זַיינֶע תְּפִילּוֹת.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב', סִימָן כה) **וֶוען מֶען הֶערְט אַ**

תּוֹרָה פוּן אַ צַדִיק, אָדֶער מֶען לֶערְנְט תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִיק - זָאל מֶען מַאכְן פוּן די תּוֹרָה - תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן וֶוען מֶען מַאכְט פוּן תּוֹרָה תְּפִלָּה - וֶוערְט פוּן דֶעם אִין הִימְל אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען מִיְּמוֹת עוֹלָם; אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט רֶבִּי נָתָן מְחַבֵּר גֶעוֶוען דִי לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת, גֶעבּוֹיט אוֹיפְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט דִי תּוֹרוֹת פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן זָאגְט דִי תְּפִילוֹת פוּן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי טוֹישְׁט זִיךְ דָאס לֶעבְּן דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זֶה הַיּוֹם עָשָׂה הַשֵּׁם נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בּוֹ, אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי צֶענְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי גוּט, אִיךְ שְׁפִּיר אַ שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אִיךְ קֶען זֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ ווִי מַיין קָאפּ טְרַאכְט שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ; ווִי אַזוֹי אַלֶעס אִין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, ווִי אַזוֹי מַיין שָׁלוֹם בַּיִת זֶעט אוֹיס, ווִי אַזוֹי דִי שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב זֶעט אוֹיס, ווִי אַזוֹי מַיין מוֹיל רֶעדְט אַנְדֶערְשׁ, ווִי אַזוֹי מַיינֶע אוֹיגְן וֶוערְן הֵיילִיגֶער, ווִי אַזוֹי מַיין קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אִיז גֶעוָוארְן בֶּעסֶער, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער אוּן ווַייטֶער אָן קַיין שִׁיעוּר אוּן גְרֶענִיץ.

דָאס אַלֶע אִיז דִי גֶעוואלְדִיגֶע כֹּחַ פוּן מִשְׁנָיוֹת, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דִי כֹּחוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז מִיט דִי דְרָשׁוֹת אוּן בְּרִיוו אוּן אַלֶע גוּטֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ הֶערְן אוּן לֶערְנֶען.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאלְן הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אוּן צַייט, אוּן קֶענֶען ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיי מְקָרֵב צוּ זַיין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, אִיךְ בִּין פוּל מִיט הִתְרַגְּשׁוּת, אוּן שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן פַאר שִׂמְחָה אוּן הִתְרַגְּשׁוּת.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי מַמָשׁ נַייעֶ לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ. וִויפִיל אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן וֶועל אִיךְ סַיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסבְּרֶענְגֶען אֲפִילוּ אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל וִויפִיל אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג מַיין לֶעבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט' בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן טוֹישְׁט זִיךְ וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

זַיי עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פַאר אַנְדֶערֶע; וַוייל דָאס אִיז דִי סִימָן אַז מֶען לֶעבְּט אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אַז מֶען הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן דִי לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס), דֶעם צְוֵוייטְן טָאג אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר דִי חָתָן כַּלָּה פוּן זַיין חַיִּים טוֹבִים, אַז אֵיינְמָאל הָאבְּן זִיךְ מֶענְטְשְׁן בַּארִימְט מִיט זֵייעֶר חַיִּים טוֹבִים, הָאט דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אִיר לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, פַארְוָואס הֶעלְפְט אִיר נִישְׁט דִי מְדִינָה וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם שֵׁיינֶעם גָארְטְן אוּן דֶער גְרָאדְנִיק (גַארְדְנֶער) אִיז פַארְלוֹירְן אוּן קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיפְן גָארְטְן, אוּן אוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר אוּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם שֵׁיינֶעם גָארְטְן? אִיז אוֹיבּ אִיר לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְ'זְשֶׁע דִי מְדִינָה", אוּן דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ וֶועט אִיר זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן וֶועט עֶנְקֶער חַיִּים טוֹבִים אוֹיךְ קַאלְיֶע וֶוערְן"; וַוייל נָאר דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה - דִי בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן מִיט אַ חַיִּים טוֹבִים, אוּן דִי אַלֶע וָואס בַּארִימֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶר חַיִּים טוֹבִים אָבֶּער זֵיי טוּעֶן נִישְׁט פַאר אַנְדֶערֶע, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים - פַארְלִירְן זֵיי אַלֶעס.

אַז דו בַּארִימְסְט זִיךְ אַזוֹי מִיט דַיין חַיִּים טוֹבִים - דַארְפְסְטוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע; גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מוֹהֲרַ"נְ'ס סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס גֶעבְּט לֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן, נָאר אַזוֹי וֶועט דַיין חַיִּים טוֹבִים נִישְׁט קַאלְיֶע וֶוערְן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיטְן הַאלְטְן דִי חַיִּים טוֹבִים וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט - פַאר זִיךְ אַלֵיין; מֶען מוּז גֵיין הֲפָצָה, מֶען מוּז פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פַאר אַנְדֶערֶע. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג) דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הֲפָצָה'; "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, "וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גֶעוִויסֶע מִנְהָגִים ווִי זִיךְ צוּ פִירְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב.

יְיַשֶׁר כֹּחַ,

דִי גַבָּאִים פוּן בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד גַּבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז מֶען זָאגְט סֵיי ט׳ בְּאָב בַּיינַאכְט און סֵיי אִינְדֶערְפְרִי - מְגִלַּת אֵיכָה.

אוֹיךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן פוּן נָאךְ מִנְחָה.

וֶוען מֶען זָאגְט אֵיכָה, מֶען וֵויינְט אוֹיפְן חוּרְבָּן הָאט מֶען אִינְזִין דֶעם אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן; מֶען וֵויינְט אוֹיף זִיךְ ווִי וַוייט מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן און מֶען וֵויינְט אוֹיף דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה - נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וָואס זֶענֶען אַזוֹי דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער צַדִּיק וָואלְט אַלֶעמֶען גֶעקֶענְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם און לַאכְט אוּן שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע טְרֵייסְטְן, מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן און צוּרִיק גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מַאךְ נִישְׁט קַיין מְצִיאוּת פוּן קֵיינֶעם, וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ בֶּעטְן צְדָקָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן שב) אוּן דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס הָאט זֵייעֶר בַּאנוּמֶען רֶבִּי נָתָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: ״דֶער עִיקָר אִיז ׳מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי׳״, דָאס וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹנָה הַנָּבִיא (יוֹנָה ב, ג) וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען דִי פִישׁ הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען.

דָאס אִיז אַ טִיפֶער לִימוּד פַאר אוּנְז; אַז מֶען זֶעט זִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען בַּיים יֵצֶר הָרָע, זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת; הֶעלְף מִיר! אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״.

נֶעם אַ טֵייל אִינֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין, גֵיי נָאךְ גֶעלְט צוּ דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע; הָאבּ נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ בֶּעטְן צְדָקָה, מַאךְ נִישְׁט קַיין מְצִיאוּת פוּן קֵיינֶעם, אַזוֹי וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ בֶּעטְן צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ פַאר דִי חֲדָרִים אִין יְרוּשָׁלַיִם, טְבֶרְיָה אוּן אִין בְּנֵי בְּרַק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... **נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הֶעלְפְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי חֵדֶר אִין בְּנֵי בְּרַק, זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן סַיי דִי חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם, טְבֶרְיָה אוּן דִי נַייעֶ חֵדֶר אִין בְּנֵי בְּרַק.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים אוּן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן אוּן טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בִּיסְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט וִוי דוּ מֵיינְסְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעב נִישְׁט אוֹיף, בִּיסְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט וִוי דוּ מֵיינְסְט; פָארְט בִּיסְטוּ אַ אִיד, בִּיסְט גֶע׳מַלְ׳ט, הָאסְט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, פָארְט טוּסְטוּ אָן תְּפִילִין, הָאסְט אַ מְזוּזָה בַּיי דַיין טִיר, גֵייסְט מִיט צִיצִית, פָארְט עֶסְטוּ כָּשֶׁר׳ס אוּן הָעִקָּר בִּיסְטוּ דָאךְ פִיל מִיט גוּטֶע ווילְן, דוּ ווילְסְט זַיין גוּט אוּן דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין.

דִי וָואךְ וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבּ דַיין שְׁוֶוער סַנְדְקָאוּת, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעבּ דַיין שְׁוֶוער סַנְדְקָאוּת, וּבִזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

עֶס אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן סַנְדְקָאוּת פַּאר אַ צַדִיק, אָבֶּער כִּיבּוּד אָב אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. אַזוֹי אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין אַ שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם אוּן בְּרֶענְגְט אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֲלָכוֹת אוּן מִנְהָגִים פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָארְגְן נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ אַלֶע אַוֶועק זֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זָאגְן מְגִלַּת אֵיכָה, מִיר וֶועלְן אַלֶע וֵויינֶען אוֹיף דִי בִּיטֶערֶע גָלוּת.

ט׳ בְּאָב בַּייַנאכְט פַּאסְטְן אַלֶע, אֲפִילוּ קִינְדֶער; אַלֶע טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן גָלוּת. אִינְדֶערְפְרִי קֶענֶען קִינְדֶער עֶסְן, אָבֶּער נִישְׁט קַיין נַאשׁ; מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז אַלֶע דַארְפְן טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ.

אוֹיךְ מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי צְוֶועלְף יָאר, אוֹיךְ וַוייבְּלֶעךְ - אַלֶע פַּאסְטְן; אוֹיבּ אִיז מֶען אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט, אָדֶער וָואס מֶען זֵייגְט - זָאל מֶען פְרֶעגְן אַ רָב אוֹיבּ מֶען דַארְף פַּאסְטְן.

ט׳ בְּאָב טוּט מֶען אוֹיס דִי שִׁיךְ, ט׳ בְּאָב דַארְפְן זִיךְ מַאן אוּן וַוייבּ דֶערְוַוייטֶערְן, ט׳ בְּאָב טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן דֶעם גוּף אוּן נִישְׁט דִי פָּנִים.

ט׳ בְּאָב, וֶוער עֶס שְׁלָאפְט גֶעוֶוענְלִיךְ מִיט צְוֵויי קִישֶׁענֶעס - זָאל שְׁלָאפְן

מִיט אֵיין קִישְׁן, אוּן וֶוער עֶס שְׁלָאפְט מִיט אֵיין קִישְׁן - זָאל שְׁלָאפְן אָן קַיין קִישְׁן.

ט׳ בְּאָב בָּאדְט מֶען זִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ דִי הֶענְט - וַואשְׁט מֶען נָאר בִּיז דִי עֶק פִינְגֶער. אוֹיךְ דִי פָּנִים וַואשְׁט מֶען נִישְׁט, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא שְׁמוּץ בַּיי דִי אוֹיגְן מֶעג מֶען דָאס אַרָאפְּנֶעמֶען מִיט פַּייכְטֶע הֶענְט.

ט׳ בְּאָב גְרִיסְט מֶען זִיךְ נִישְׁט בִּיז חֲצוֹת הַיוֹם, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער גְרִיסְט מֶעג מֶען צוּרִיקְגְרִיסְן הַאלְבְּוֶועגְס.

ט׳ בְּאָב לֶערְנְט מֶען נִישְׁט, וַוייל מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה - מַאכְט פְרֵיילִיךְ. נָאכְמִיטָאג נָאךְ מִנְחָה קֶען מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, ווִי ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִלִים, וְכַדוֹמֶה.

אֲשֶׁר בַּנַחַל קֶען מֶען לֶערְנֶען ט׳ בְּאָב.

ט׳ בְּאָב אַרְבֶּעט מֶען נִישְׁט, נָאךְ חֲצוֹת קֶען מֶען מֵקִיל זַיין בַּיי גֶעוִויסֶע פֶּעלֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ שָׁאד זִיךְ צוּ גֶטְ׳ן, זִי וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ בֶּעסֶערֶער מַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז זִי ווִיל זִיךְ גֶטְ׳ן, זִי וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ בֶּעסֶערֶער מַאן ווִי אִים; עֶר אִיז אַ גָאלְדֶענֶער מֶענְטְשׁ מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אַ שָׁאד אַ שָׁאד.

אִיז וָואס אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶער, עֶר קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין; וֶועגְן דֶעם גֶט מֶען זִיךְ?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען אִין כִּתָּה צַייטְלִיךְ, הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מֶען דַארְף אַ בָּאס רֶבִּי, אוֹיף יֶעדְן בָּאס; קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט פָארְן אָן אַ בָּאס רֶבִּי, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג. אוֹיךְ דַארְפְן דִי מְלַמְּדִים אָדֶער אַנְדֶערֶע אָפְּוָוארְטְן דִי קִינְדֶער בַּיים אָנְקוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן בַּיים אַהֵיים גֵיין, קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט זַיין הֶפְקֵר פַאר אֲפִילוּ אֵיין סְקוּנְדֶע; סַיי אוֹיבְן אִין פַּארְקִינְג לַאט בַּיי דִי בָּאסֶעס דַארְפְן זַיין מְלַמְּדִים אָדֶער אַנְדֶערֶע צוּ זֶען אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַרָאפּ דֶעם בַּארְג, אוּן סַיי אוּנְטְן בַּיים בִּנְיָן דַארְף מֶען אָפְּוָוארְטְן דִי קִינְדֶער.

בִּכְלַל וִויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים קְלָארֶע וֶוערְטֶער אַז מֶען מוּז זַיין צַייטְלִיךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען הַאלְט נִישְׁט קַיין זְמַנִים - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פְרִישֶׁע מְלַמְּדִים. זָאג דִי מְלַמְּדִים: "גֶעעֶנְדִיגְט מִיט סְטְרַאשֶׁען, מִיר דַארְפְן נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט עֶרְנְסְט", אוּן אַז אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט דִיר וָואס עֶר זָאל טוּן אוֹיבּ עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, פוּן אֵיין זַייט הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִים גֶעזָאגְט עֶר מוּז גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט...? זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי קִינְדֶערִישְׁקֵייטְן".

קוּק גוּט וֶועסְטוּ זֶען, דִי מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען אִין כִּתָּה צַייטְלִיךְ, זֵיי זֶענֶען אִין כִּתָּה נָאךְ אֵיידֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען דָארְט - דִי הָאבְּן הַצְלָחָה, דִי דַארְפְן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן נִישְׁט פַארְגִיטִיגְן, אַלֶעס גֵייט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ יָאג זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִי בָּחוּרִים, אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער צוּ הָאבְּן גְרוֹיס גֶעלְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה. אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט מַיין זוּן, אִיךְ פְרֶעג אִים וָואס מֶען לֶערְנְט, עֶר זָאגְט מִיר נָאךְ פוּן אוֹיסְנְוֵויינִיג זַאכְן פוּן דִי גְמָרָא; מַמָּשׁ וואוּנְדֶערְלִיךְ וִוי דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין יוּנְגֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען יֶעדְן טָאג פוּנֶעם בְּלַאט גְמָרָא יְדִיעוֹת הַתּוֹרָה, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן זֵיי נֶעמֶען הֲפָצָה, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

וֶוען דוּ נֶעמְסְט דִי קִינְדֶער הֲפָצָה גֶעבּ אַכְטוּנְג זֵיי זָאלְן נִישְׁט הַאלְטְן דִי גֶעלְט פַאר זִיךְ, דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן נֶעמֶען דָאס גֶעלְט אָדֶער זָאלְסְטוּ דָאס צוּזַאמְנֶעמֶען עֶס זָאל גֵיין פַאר הַדְפָּסָה, פַאר קוֹיפְן נָאךְ סְפָרִים; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער צוּ הָאבְּן גְרוֹיס גֶעלְט.

אוּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ טוּט פַאר בֵּית פֵּיגָא אוּן פַארְן מַאכְן שִׁיעוּרִים פַאר וַוייבְּלֶעךְ, דָאס אִיז מַמָּשׁ הַצָּלַת נְפָשׁוֹת, פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיר דַארְפְן וִויכְטִיג אַ נֵייעֶם גְרוֹיסְן בִּנְיָן פַאר דִי מוֹסָד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַארְן אָפְּשֶׁערְן פוּן דַיין זוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט אַזוֹי גֶעטְרֵייִ דִי מוֹסְדוֹת מִיט דַיין גַאנְצֶע הָאֶרֶץ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר טְרֶעפְן אַ בִּנְיָן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער;

מִיר דַארְפְן וִויכְטִיג אַ נֵייעֶם גְרוֹיסְן בִּנְיָן פַאר דִי מוֹסָד. עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, מִיר הָאבְּן קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שְׁטֶעטְל, קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי חֵדֶר אוּן מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי אַפָּאר הוּנְדֶערְט קִינְדֶער - אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ; מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ וואוּ צוּ לֵייגְן דִי קִינְדֶער.

פוּן הִימְל שְׁטוּפְּט מֶען אוּנְז צוּם וַואנְט, מִיר זָאלְן שְׁרֵייעֶן אוּן דַאוֶוענֶען פַאר אַ בִּנְיָן פַארְן תַּלְמוּד תּוֹרָה. אִינְטֶערֶעסַאנְט, אַמָאל הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאט גֶעלְט צוּ קוֹיפְן - הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט דַאוֶוענֶען מִיר זָאלְן קֶענֶען קוֹיפְן, הַיינְט אִיז דָא גֶעלְט, מִיר הָאבְּן אַ נַדְבָן - אִיז נִישְׁטָא אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ בּוֹיעֶן, דַארְפְן מִיר וַוייטֶער צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד אוֹיבּ מֶען אִיז אֲפִילוּ נָאר אֵיין מִינוּט שְׁפֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן הָאבְּן דִי בָּחוּרִים מִיר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן דִיר וָואס הָאט מִיךְ זֵייעֶר בַּאנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז.

זֵיי דֶערְצֵיילְן אַז אַ קִינְד הָאט אַיינְגֶעמַאכְט אִין כִּתָּה אוּן דוּ הָאסְט עֶס בַּאמֶערְקְט, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַז אַרוּם זַיין טִישׁ אִיז וְכוּ׳ אוּן בַּאלְד וֶועלְן דִי קִינְדֶער דָאס בַּאמֶערְקְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, בִּיסְטוּ אַרִיבֶּער מִיט אַ קַאוֶוע אוּן מִיט חָכְמָה אוֹיסְגֶעגָאסְן; הָאסְט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: "אוֹי וֵויי, דִי קַאוֶוע הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן", אַזוֹי אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ כַאפְּן אַז דָאס קִינְד הָאט דָארְט אַיינְגֶעמַאכְט; אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן אַזַא הַארְץ, טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי מַאכְן טָעוּתִים".

אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט אוּן דוּ הָאסְט אַ פְּרַאגֶע - אָדֶער מִקְוֶה אָדֶער גֵיין אִין חֵדֶר? אִיז דֶער עֶנְטְפֶער: "דוּ דַארְפְסְט גֵיין אִין חֵדֶר"; אֵיי אִיךְ הָאב דִיר נֶעכְטְן גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד בַּיי אוּנְז נָאר אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה? זָאג אִיךְ דִיר יֶעצְט: "אֱמֶת, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד בַּיי אוּנְז אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אִין מִקְוֶה, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד - נִישְׁט בַּיי אוּנְז אוּן אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ אוֹיף דֶער וֶועלְט - אוֹיב מֶען אִיז אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט שְׁפֶּעט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

יֶעדֶער מוּטְשְׁעֶט זִיךְ, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ
מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זַיין אַזַא גוּטֶע רֶבִּי אוּן פַארְן זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶר בָּאס דְרֵייוֶוער; וָואס מֶען טוּט פַאר דִי מוֹסָד אִיז נִצְחִיּוּת, בִּפְרַט אַז מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן מֶען טְרָאגְט זֵיי אַהֵיים - דָאס אִיז נִישְׁט אַ פְּרָאסְטֶע אַרְבֶּעט, דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דַיינֶע יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן.

הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ. נֶעכְטְן אִיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט, עֶר הָאט גֶעבָּארְגְט אוֹיף שְׁוֶוערֶע צִיפֶּעדִיגֶע פְּרָאצֶענְט; יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז אֵיינֶער פוּן דִי קְרוֹבִים פוּנֶעם מוֹכֵר שְׁרֵייט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט יֶענֶעמְ'ס, עֶס אִיז זַיינְ'ס; זֵיי קְרִיגְן זִיךְ שׁוֹין דְרֵיי יָאר אִין קָאוּרְט, בִּיז דֶערְוַוייל צָאלְט עֶר צִיפֶּעדִיגֶע רִיבִּית, דִי טֵייטְל קָאמְפֶּענִי זָאגְט 'וַוארְט, מֶען וֶועט זֶען וֶוער אִיז גֶערֶעכְט'; בְּקִיצוּר, דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט עֶס קָאסְט אִים הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, עֶר קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מֶער. דָאס אִיז אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס

אַלֶע טְרַאכְטְן 'עֶר הָאט עֶס', 'עֶר מַאכְט עֶס', 'עֶר הָאט שְׁוֶועֶרֶע גֶעלְטֶער', און קוּק וְוי עֶר לַיידְט; יֶעצְט פְּרֶעג אִיךְ דִיר, אַז דו בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דַיין טָאג גֵייט אַרִיבֶּער מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרְבֶּעטְסְט טַאקֶע שְׁוֶוער אָבֶּער עֶס וֶועט בְּלַייבְּן דַיין אַרְבֶּעט לְנֶצַח נְצָחִים...

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט פַארְן מְנַהֵל נֵרוֹ יָאִיר, יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט וָואס טוּט זִיךְ אִין קְלַאס און אוֹיפְן בָּאס; גֶעעֶנְדִיגְט מִיט נִישְׁט רֶעדְן, דֶער מְנַהֵל דַארְף וִויסְן יֶעדֶע פְּרַט וָואס טוּט זִיךְ, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ אִים עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן, וַוייל נָאר אַז מֶען אַרְבֶּעט אִינְאֵיינֶעם קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען זוּכְט זִיךְ אַלֵיין גְלִיקְן, קֶען זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן זֵייעֶר בִּיטֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

טוּט נִישְׁט דִי נַארִישְׁקֵייט נָאכְאַמָאל, עֶס קֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן זֵייעֶר בִּיטֶער; וַוארְטְס מִיט גֶעדוּלְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַייעֶר בַּאשֶׁערְטֶע.

אַסַאךְ וַוייבְּלֶעךְ הָאבְּן הַיינְט זֵייעֶר חֲרָטָה אוֹיף וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען זֵיי הָאבְּן שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַ כַּלָּה וֶוערְן און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין גֶעזוּכְט גְלִיקְן וְכוּ'.

וַוארְטְס אוֹיס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַייעֶר שִׁידוּךְ.

...

## אַ סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פַאְרשְׁטֵיי אַייעֶר וֶוייטָאג, אִיר וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, אוּן וֶוען אִיר הָאט זִיךְ דֶערְוִויסְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין דָא גוּטֶע נַייעֶס זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ, אוּן יֶעצְט אִיז דָאס גֶעוָוארְן אוֹיס, זֶענְט אִיר זֵייעֶר בְּצַעַר.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז פוּן הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין בֶּעסֶער וִוי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט, אוּן צְוֵוייטְנְס זָאלְט אִיר פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען חִיזוּק אוּן זֶען אַז אִיר קֶענְט הָאבְּן קִינְדֶער; אִיר דַארְפְט מֶער נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט.

טְרָאגְט מִיט זִיךְ אַ מַאגְנֶעט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן פא): "מַאגְנֶט סְגֻלָּה לְבָנִים", אַ מַאגְנֶעט אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם נִישְׁט צוּם הַארְצְן וֶוען אַ טַאטֶע הַאלְט דִיךְ פָּאר אוֹיף עֶפֶּעס פוּן חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען אַ טַאטֶע הַאלְט דִיךְ פָּאר אוֹיף עֶפֶּעס פוּן חֵדֶר; אוֹיבּ אַ טַאטֶע הַאלְט דִיךְ פָּאר - זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן זָאגְן "יְיַשֶׁר כֹּחַ", אוּן מִמָּה נַפְשָׁךְ, אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין - זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן, אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס דֶער טַאטֶע אַלֵיין וָואלְט אוֹיךְ

גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ אִין שְׁטוּב טוּט עֶר אוֹיךְ גָארְנִישְׁט - זָאלְסְטוּ דָאס אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מְנַהֵל, נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ אוּן נֶעם נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען עֶלְטֶערְן הַאלְטְן פָּאר אָדֶער רֶעדְן נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; וָואס וֵוייסְן עֶלְטֶערְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מְלַמֵד... וָואס וֵוייסְן עֶלְטֶערְן וָואס אַ מְלַמֵד טוּט אֵיין טָאג, אֵיין שָׁעָה - מִיט דִי קִינְדֶער... זֵיי וֵוייסְן דָאס נִישְׁט אוּן וִויפִיל מֶען וֶועט זָאגְן וָואס אַ מְלַמֵד גֵייט אַרִיבֶּער - וֶועלְן זֵיי סַיי וִוי נִישְׁט פַאַרְשְׁטֵיין.

אִיךְ וֵוייס יָא וָואס אַ מְלַמֵד אִיז אוּן וָואס אַ מְלַמֵד גֵייט אַרִיבֶּער, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד אוּן אוֹיךְ הַיינְט בִּין אִיךְ מִיט בָּחוּרִים טָאג אוּן נַאכְט, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ שְׁטִיק חַיוּת, מֶען שְׁפִּירְט זֵייעֶר צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי תַּלְמִידִים, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אַ מְחַיֶ' שְׁוֶוער, מֶען אִיז נִישְׁט מַכִּיר אִין דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, מֶען שְׁפִּירְט כְּסֵדֶר וִוי מֶען וִויל אוֹיפְגֶעבְן, נָאר אַז מֶען בִּינְדְט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ, קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ טְרֵייסְטְן נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע פַּארְלוּסְט פוּן דִי טֵייעֶרֶע בַּאלִיבְּטֶע מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, עֶרֶב ט' בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה, מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִחְיוּ**

הַמָקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֵוייטָאג פוּן דִי פְּטִירָה פוּן עֶנְקֶער טֵייעֶרֶע בַּאלִיבְּטֶע מַאמֶע, מָרַת ...

עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק טְרֵייסְטְן, אִיר זָאלְט נִישְׁט וִויסְן מֶער פוּן קַיין וֵוייטָאג אוּן צַעַר.

עֶנְקֶער מַאמֶע אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל מִיט אַזוֹיפִיל גוּטֶע מַעֲשִׂים, זִי הָאט מִיטְגֶענוּמֶען אַזוֹיפִיל זְכוּתִים מִיט זִיךְ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶער שְׂכַר וָואס אִיז אִיר אָנְגֶעגְרֵייט אִין הִימְל אוֹיף אַלֶע אִירֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן פַארְן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען אַזַא טֵייעֶרֶע דוֹר, עֶרְלִיכֶע אִידְן, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ יִרְאֵי הַשֵּׁם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּן לָאזְט אִיבֶּער קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אִיז "כְּאִילוּ לֹא מֵת", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים-א כא, יא): "וַהֲדַד שָׁמַע בְּמִצְרַיִם כִּי שָׁכַב דָּוִד עִם אֲבֹתָיו, וְכִי מֵת יוֹאָב שַׂר הַצָּבָא", דֶער קֶענִיג פוּן מִצְרַיִם הָאט גֶעהֶערְט אַז דָוִד לִיגְט אוּן זַיין גֶענֶערַאל יוֹאָב אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, פַארְוָואס בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ שְׁטֵייט "שָׁכַב דָּוִד" אוּן בַּיי יוֹאָב שְׁטֵייט "מֵת יוֹאָב"? נָאר וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קִינְדֶער צַדִּיקִים, הֵייסְט עֶס נִישְׁט וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן נָאר כְּאִילוּ עֶר שְׁלָאפְט; עֶנְק הָאבְּן אִיר נִישְׁט פַארְלוֹירְן, זִי בְּלַייבְּט מִיט עֶנְק.

דִי וֵוייטָאג אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אַז מֶען פַארְלִירְט אַ מַאמֶע אִיז גֶעפֶערְלִיךְ; אָבֶּער אִיר דַארְפְט מִיט אַלֶע עֶנְקֶערֶע כֹּחוֹת זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין עַצְבוּת, וַוייל אוֹיב דִי קִינְדֶער זֶענֶען בְּעַצְבוּת הָאט דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר; דַארְפְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, (דְּבָרִים לב, ד): "קֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט; מִיט אֱמוּנָה וֶועט אִיר קֶענֶען זַיין בְּשִׂמְחָה, אַזוֹי וֶועט דִי נְשָׁמָה הָאבְּן אַ רוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אַלֶע אוּן אוּנְז שׁוֹין שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

...

## שְׁוַוייג אָפּ דַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת, עֶנְטְפֶער נִישְׁט קֵיינֶעם און זִיכֶער פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, עֶרֶב ט׳ בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, עֶנְטְפֶער נִישְׁט דַיין טַאטֶע וֶוען עֶר טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ וֶועגְן בְּרֶסְלֶב; מֶען טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַ טַאטֶע, מֶען דַארְף צִיטֶערְן פוּן אַ טַאטֶע, און וֶוען עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר און שְׁפֶּעט פוּן בְּרֶסְלֶב - זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, און וֶוען דוּ גֵייסְט אַוֶועק פוּן אִים זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, וֵויינֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אִיז דָאס אַז מֶען שְׁפֶּעט אַזוֹי פוּן רֶבִּי׳ן, פַאְרְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט״.**

נָאכְאַמָאל, שְׁוַוייג אָפּ דַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת, עֶנְטְפֶער נִישְׁט קֵיינֶעם און זִיכֶער פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לְכַתְּחִילָּה דַארְף מֶען זִיךְ גְרֵייטְן פְּרִיעֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, עֶרֶב ט׳ בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ שֶׁערְן אִינֶעם טָאג וָואס מֶען גֵייט וְכוּ׳; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לְכַתְּחִילָּה, וַוייל עֶס קֶען זַיין דִי קְלֵיינֶע הָאר בְּלַייבְּט קְלֶעבְּן און עֶס אִיז אַ חֲצִיצָה, מֶען דַארְף זִיךְ שֶׁערְן אִינֶעם פֶערְטְן אָדֶער פִיפְטְן טָאג.

בְּדִיעֲבַד אַז מֶען הָאט פַארְגֶעסְן זִיךְ צוּ שֶׁערְן קֶען מֶען זִיךְ שֶׁערְן אוֹיךְ נֶענְטֶער וֶוען מֶען גֵייט וְכוּ׳, אָבֶּער לְכַתְּחִילָּה שֶׁערְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אִינֶעם טָאג וָואס מֶען גֵייט.

דער אײבּערשטער זָאל הֶעלפְן איר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מְחַזֵּק זַיין דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, עֶרֶב ט׳ בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

איר זָאלְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט פַארְן מַאכְן שִׁיעוּרִים פַאר דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא, זֵיי מְחַזֵּק זַיין וִוי צוּ לֶעבְן, וִוי צוּ פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ; לֶערְנְט מִיט זֵיי פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת וִוי זִיךְ צוּ בַּאגֵיין מִיטְן מַאן, מִיט קִינְדֶער, מִיט שְׁטוּבּ ווירְטְשַׁאפְט, אוּן וַוייזְט זֵיי דִי וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

זֵייעֶר גוּט אַז מֶען צֶעטֵיילְט דִי שִׁיעוּרִים לוֹיט דִי יָארְן, מֶען מַאכְט בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים פַאר דִי תַּלְמִידוֹת לוֹיט דִי יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין שׁוּלֶע; מֶען קֶען מֶער מְקַבֵּל זַיין אַז מֶען מַאכְט קְלֶענֶערֶע שִׁיעוּרִים לוֹיט דִי יָארְן.

דער אײבּערשטער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ, איר זָאלְט וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא; סַיי מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן אוֹיךְ מִיט דִי וַוייבְּלֶעךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי אִין בֵּית פֵיגָא, מֶען דַארְף וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט זֵיי, מֶען דַארְף זֶען דִי אַרְבֶּעט זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִבּוּד, אוּן הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אוֹיף אַלֶע תַּלְמִידוֹת, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען מְזֻמָּן לִזְמַן צוּ דִי שִׁיעוּרִים.

דער אײבּערשטער זָאל הֶעלפְן איר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶעג מֶען אִים גֶעבְּן צוּקֶער וֶוען דֶער דָאקְטֶער לָאזְט נִישְׁט?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, עֶרֶב ט׳ בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אִים עֶר טָאר נִישְׁט עֶסְן קַיין צוּקֶער אוּן זִי לֵייגְט אִים נִישְׁט קַיין צוּקֶער אִין דִי עֶסְן, אוּן עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אִיר: ״טֵייל מִיךְ נִישְׁט אַיין וָואס צוּ טוּן, קָאנְטְרָאל מִיךְ נִישְׁט״, אוּן זִי פְּרֶעגְט אוֹיבּ זִי מֶעג עַל פִּי הֲלָכָה אִים לֵייגְן צוּקֶער אִין זַיין עֶסְן, אִין זַיין טְרִינְקֶען.

וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיז נִישְׁט דִי צוּקֶער וָואס טוּט אִים וֵויי, נִישְׁט דָאס שְׁטֶערְט אִים; וָואלְט זִי אִים גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן ווִי אַ טֵייעֶרְקֵייט, וָואלְט זִי גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט עֶרֶע - וָואלְט עֶר קַיין צוּקֶער נִישְׁט גֶעדַארְפְט; עֶר שְׁרֵייט ׳צוּקֶער׳ אָבֶּער עֶר דַארְף ׳עֶכְטֶע צוּקֶער׳.

אַ פְרוֹי קֶען מִיט חָכְמָה אַלֶעס פּוּעֶל׳ן בַּיים מַאן; פְּרוּוֶוען מִיט אַבִּיסְל פוּן זֵייעֶר חָכְמַת נָשִׁים, מִיטְן מַאכְן שְׁפִּירְן דֶעם מַאן ווִי עֶר אִיז וֶוערְד - קֶענֶען זֵיי וֶוען אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט פּוּעֶל׳ן; דָאס אִיז קְלָאר אוּן דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, נִישְׁטָא קַיין אוֹיסְנַאם.

זַייט אִיר מְחַזֵק, זִי זָאל אִים שֶׁעצְן אוּן עֶרֶע גֶעבְּן, אוּן אוֹיבּ מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף עֶר צוּקֶער - זָאל זִי אִים גֶעבְּן אַבִּיסְל צוּקֶער.

שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס, שִׂמְחָה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע מַחֲלוֹת, שִׂמְחָה אִיז דִי מְקוֹר הַבְּרָכוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהֵייסְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף מִידַת הַשִּׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

הקונטרס לט"נ האה"ח

העניא ע"ה בת הר"ר דוב שליט"א

נפטרה בערש"ק חזון אחה"צ תשפ"ג

וזכתה לבוא למנוחתה סמוך לכניסת השבת